


פרשת שמיני

כ"ב אדר ב' תשפ"ב

יאר 2 גליון 46

# נייעס אין בית פיגא

אט אט קומט שוין די הייליגע יום טוב פסח! אין אלע קלאסן הייבט מען שוין אן רעדן צו די חשוב'ע תלמידות איבער די וויכטיגקייט פון העלפן די מאמע פסח'דיג מאכן, און אפילו עס איז שווער טוט מען עס פרייליכערהייט מיט א שמייכל; דאס מאכט די שכר פיל מער! ווי אויך לערנט מען פון די שיינע זאכן וועגן די סדר און נאך אסאך... אלע מיידלעך זענען שוין אזוי פרייליך און קענען שוין קוים ווארטן פאר

די הייליגע יום טוב פסח!



# מזל טוב!

מזל טוב מרת דעפריס צו איר נייע אינגל בעיבי!

אסתי, פערי, רבקי, פייגי, מלכי און יוכבד שארף, זייער שוועסטער האט געבוירן א אינגל בעיבי!

# פון אונזערע לערערינס

טייערע... תחי',

דאס איז די שענסטע זאך וואס דו קענסט טון, צו העלפן דיין מאמע, און אפילו דו וואלסט געוואלט קומען פרי אין סקול, אבער אז דיין מאמע האט דיך געבעטן, ביסטו געגאנגען אין גראסערי פאר איר פרייליכערהייט! דיין מאמע זאגט מיך אז דו ביסט איר רעכטע האנט, און איך גלייב איר, ווייל אויך אין סקול דא, העלפסטו אזוי שיין און פיל מיט אחריות און טיכטיגקייט.

דער אייבערשטער זאל דיר העלפן, זאלסט ווייטער אויסהערן און פאלגן דער ראש ישיבה שליט"א; מיט תמימות ועסטו האבן א גוטע לעבן, די עיקר זאלסטו נאר זיין פרייליך און בעטן אסאך דער אייבערשטער!

מיט ליבשאפט,

מרת לעווער

# מעשיות פון תפילה

### נעכא זוסמאן

מוצאי שבת זענען אונז געווען אין וויליאמסבורג און געזוכט פארקינג. שכח אייבערשטער נאך אסאך תפילות האבן מיר געטראפן א גוטע פלאץ צו פארקן!

קרית ברסלב

### פייגעלע יאקאבאוויטש

איך האב געוואלט גיין צו די שושן פורים שפיל מוצאי שבת אין שוהל. למעשה האב איך געדארפט בלייבן אינדערהיים. איך האב געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל נישט ווערן צובראכן פון דעם. שכח אייבערשטער אז איך בין געבליבן פרייליך!

קרית ברסלב

### בלומי זאבעל

איינער האט מיך געבעטן צו אכטונג געבן אויף דריי בעיביס ביי א חתונה, האב איך געבעטן די אייבערשטער אז עס זאל מיך נישט זיין שווער. שכח אייבערשטער עס איז געווען זייער גרינג!

קרית ברסלב

### מירעלע ראזענפעלד

איך האב געבעטן די אייבערשטער אז אונזער צובראכענע פיאנא זאל ארבעטן. שכח אייבערשטער! מיט תפילה האט עס צוריק אנגעהויבן ארבעטן!

קרית ברסלב

### רחי שפילמאן

איך האב געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל באקומען אן ארטס און קרעפטס וואס איך האב זייער געוואלט האבן. שכח אייבערשטער איך האב עס באקומען!

וויליאמסבורג

### חני לעווי

איין טאג ווען איך האב געדארפט ארויפגיין אויף די ווען אויפן וועג אהיים פון סקול האב איך געבעטן די אייבערשטער אז א מיידל זאל מיטקומען. שכח אייבערשטער אז א מיידל איז געקומען און האב געהאט מיט וועם צו פארברענגען אויפן וועג!

וויליאמסבורג

### רייזי איידליס

איך האב געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל באקומען נייע גלעזער, שכח אייבערשטער איך האב באקומען נייע זיסע גלעזער!

וויליאמסבורג

### מינדי לעווי

איך האב געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל שוין פילן גוט, שכח אייבערשטער איך פיל שוין אינגאנצן געזונט!

וויליאמסבורג

## שכח אייבערשטער פאר תפילה!

# א מעשה פון א צדיק

עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַן עֶרְלִיכֶער יוּד אַ גְרוֹיסֶער יִרְאַת שָׁמַיִם, דֶער יוּד פְלֶעגְט אַרְבֵּייטְן פַאר אַ פָּרִיץ אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר, אוּן אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל גַאֲוָה, דֶער פָּרִיץ פְלֶעגְט יֶעדֶע וָואךְ בַּאצָאהלְן פַאר דֶעם יוּד וָואס הָאט בַּיי אִיהְם גֶעאַרְבֶּעט, אָבֶּער יֶעדֶעס מָאל וָואס דֶער פָּרִיץ הָאט אִים גֶעגֶעבְּן דָאס גֶעלְט פְלֶעג דֶער פָּרִיץ זָאגְן מִיט זַיין גְרוֹיסֶע גַאֲוָה, פַאר דֶעם יוּד: "וֶוען אִיךְ וָואלְט דִיר נִישְׁט גֶעגֶעבְּן דָאס גֶעלְט וָואלְסְטוּ מִיט דַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פַאר הוּנְגֶער. דִי לֶעבְּסְט נָאר וַוייל אִיךְ גֶעבּ דִיר גֶעלְט" דֶער עֶרְלִיכֶע יוּד הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט הֶערְן אַזֶעלְכֶע וֶוערְטֶער, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַארְ'ן שְׁטָאלְצֶער פָּרִיץ "וָואס זָאגְסְטוּ אַזֶעלְכֶע נַארִישֶׁע וֶוערְטֶער, אַז דוּ גִיסְט מִיר פַּרְנָסָה, עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט, וָואס עֶר גִיט פַאר יֶעדְן זַיין פַּרְנָסָה, אוּן אוֹיךְ פַאר מִיר גֶעבְּט דֶער בַּאשֶׁעפֶער אַלֵיין מַיין פַּרְנָסָה, אוּן דוּ פָּרִיץ בִּיסְט נָאר דֶער שָׁלִיחַ פוּן הִימְל מִיר צוּ גֶעבְּן מַיין פַּרְנָסָה, אוּן אוֹיבּ דוּ וָואלְסְט נִישְׁט גֶעוֶוען דֶער שָׁלִיחַ וָואלְט מִיר דֶער הֵייליגֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעשִׁיקְט פַּרְנָסָה, דוּרְךְ אַן אַנְדֶערֶע שָׁלִיחַ".

אֵיינְמָאל וֶוען דֶער פָּרִיץ הָאט גֶעהֶערְט דִי אֱמֶת'עֶ וֶוערְטֶער פוּן דֶעם עֶרְלִיכֶע יוּד הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר אוֹיפְגֶערֶעגְט אוּן עֶר הָאט בַּאשְׁלָאסְן, אַז עֶר וֶועט אִיהְם אָנְלֶערְנֶען אוּן וַוייזְן וֶוער עֶס גִיט אִים זַיין פַּרְנָסָה, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר דֶעם יוּד: "אִיךְ גִיבּ דִיר מֶער נִישְׁט קַיין אַרְבֶּעט אוּן קוּם שׁוֹין מֶער נִישְׁט צוּ מִיר אִין שְׁטוּבּ, יֶעצְט וֶועסְטוּ גֶעוָואהר וֶוערְן אַז אִיךְ בִּין דֶער וָואס גִיט דִיר פַּרְנָסָה".



דִי מַעֲשֶׂה אִיז גֶעוֶוען פוּנְקְט פַאר פֶּסַח, אוּן דֶער יוּד הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין אֵיין פְּרוּטָה, אִין שְׁטוּבּ, צוּ קֶענֶען אָנְגְרֵייטְן לְכָבוֹד יוֹם טוֹב.

אַפָּאר טֶעג נָאךְ דִי מַעֲשֶׂה אִיז דֶער פָּרִיץ אַרַיין צוּ זַיין אוֹצָר פוּן גָאלְדֶענֶע מַטְבֵּעוֹת צוּ צֵיילְן זַיין פַארְמֶעגְן, דֶער פָּרִיץ הָאט גֶעהַאט אַ מַאלְפֶּע (מָאנְקִי) וָואס אִיז מִיט-גֶעגַאנְגֶען מִיט אִים אִין דִי אוֹצָר, דֶער פָּרִיץ הָאט גֶעצֵיילְט דִי מַטְבֵּעוֹת, אוּן נַאס גֶעמַאכְט זַיין הֶענְט מִיט דִי שְׁפַּייעֶכְץ פוּן זַיין מוֹיל, אַזוֹי ווִי דֶער סֵדֶר אִיז גֶעוֶוען, בִּשְׁעַת מְ'צֵיילְט גֶעלְט.

דֶער מַאלְפֶּע הָאט גֶעזֶעהן ווִי דֶער פָּרִיץ לֶעקְט זַיינֶע פִינְגֶערְס בִּשְׁעַת עֶר הָאט גֶעצֵיילְט דִי גָאלְדֶענֶע מַטְבֵּעוֹת, אוּן דֶער מַאלְפֶּע הָאט גֶעמֵיינְט אַז דֶער פָּרִיץ עֶסְט דִי מַטְבֵּעוֹת, אוּן עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער סֵדֶר פוּן מַאלְפֶּעס זֶענֶען נָאכְצוּמַאכְן וָואס זֵיי זֶעהְן, וֶועגְן דֶעם שְׁפֶּעטֶער וֶוען דֶער פָּרִיץ הָאט נִישְׁט גֶעזֶעהן אִיז דֶער מַאלְפֶּע אַרַיין גֶעגַאנְגֶען אִין אוֹצָר אוּן הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן עֶסְן פוּן דִי גָאלְדֶענֶע מַטְבֵּעוֹת, בִּיז דֶער מָגֶן אִיז גֶעוֶוען אָנְגֶעפִּיהלְט מִיט דִי הַארְטֶע גָאלְדֶענֶע מַטְבֵּעוֹת, אוּן דֶער מַאלְפֶּע אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אַ טוֹיטֶע.

וֶוען דֶער פָּרִיץ הָאט גֶעזֶעהן אַז דִי מַאלְפֶּע אִיז טוֹיט, הָאט עֶר בַּאפוֹילְן פַאר זַיינֶע מְשָׁרְתִים, זֵיי זָאלְן אַרַיין וַוארְפְן דֶעם טוֹיטְן מַאלְפֶּע אִין שְׁטוּבּ פוּן דֶעם עֶרְלִיכֶע יוּד "דָאס קֶען אִיךְ אִים גֶעבְּן אָבֶּער פַּרְנָסָה זָאל זַיין בַּאשֶׁעפֶער אִים גֶעבְּן".

וֶוען דִי מְשָׁרְתִים הָאבְּן אַרַיין גֶעוָוארְפְן דִי טוֹיטֶע מַאלְפֶּע, אִין שְׁטוּבּ פוּן דֶער יוּד, אִיז אוֹיפְגֶערִיסְן גֶעוָוארְן דָאס בּוֹיךְ פוּן דֶער מַאלְפֶּע, אוּן עֶס אִיז אַרוֹיסְגֶעפַאלְן דֶערְפוּן זֵייעֶר אַסַאךְ טֵייעֶרֶע גָאלְדֶענֶע מַטְבֵּעוֹת, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דֶער יוּד הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵייט אוּן עֶר אִיז גְלַייךְ גֶעגַאנְגֶען אַיינְקוֹיפְן אַלֶעס וָואס מְ'דַארְף לְכָבוֹד פֶּסַח, אוּן עֶר הָאט טַאקֶע אָנְגֶעגְרֵייט פוּן אַלֶעס בְּהַרְחָבָה גְדוֹלָה אַזוֹי ווִי עֶס פַּאסְט.

פֶּסַח בַּיינַאכְט הָאט דֶער פָּרִיץ גֶעשִׁיקְט אַ מְשָׁרֵת צוּם שְׁטוּבּ פוּן דֶער יוּד, צוּ זֶעהן וָואס עֶס טוּט זִיךְ בַּיי דֶעם יוּד אִין שְׁטוּבּ, עֶר הָאט גֶעוָואלְט הֶערְן אַז דֶער יוּד וֵויינְט נֶעבֶּעךְ, אוּן אַז עֶר הָאט נִישְׁט וָואס צוּ עֶסְן פֶּסַח, אוּן אַז דֶער יוּד הָאט חָלִילָה חֲרָטָה וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז דֶער הֵייליגֶער בַּאשֶׁעפֶער גִיט פַאר יֶעדְן פַּרְנָסָה.

דֶער מְשָׁרֵת הָאט אַרַיין גֶעקוּקְט פוּן דִי פֶענְצְטֶער בַּיי דֶעם יוּד, אוּן עֶר אִיז שְׁנֶעל צוּרִיק גֶעלָאפְן צוּם פָּרִיץ, אוּן גֶעזָאגְט "דֶער יוּד הָאט פוּן אַלֶעם גוּטְן, פֵיינֶע פִישׁ, מִיט פְלֵיישׁ, טֵייעֶרֶע וֵויין מִיט מַצוֹת, אוּן אַלֶע קִינְדֶער הָאבְּן נֵייעֶ בְּגָדִים, אוּן זֵיי זִינְגֶען פַארְ'ן הֵייליגְן בַּאשֶׁעפֶער מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה".

דֶער פָּרִיץ הָאט דָאס נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, אוּן עֶר אִיז אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען צוּם יוּד'ס הוֹיז, אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט פוּן וואוּ הָאסְטוּ גֶעהַאט גֶעלְט אַיינְצוּקוֹיפְן דִי אַלֶע זַאכְן לְכָבוֹד יוֹם טוֹב, הָאט דֶער יוּד דֶערְצֵיילְט אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעזָאגְט אַז דֶער הֵייליגֶער בַּאשֶׁעפֶער גִיט פַאר יֶעדְן פַּרְנָסָה, דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט גֶעשִׁיקְט אֵיינֶעם אַז עֶר זָאל אַרַיין וַוארְפְן אַ טוֹיטֶע חַיָה אִין מַיין שְׁטוּבּ אוּן פוּן אִים אִיז אַרוֹיסְגֶעפַאלְן אַסַאךְ גָאלְדֶענֶע מַטְבֵּעוֹת, הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט גֶעלְט בְּהַרְחָבָה אֵיין-צוּ-קוֹיפְן אַלֶע צָרְכֵי פֶּסַח, אוּן דֶער פָּרִיץ הָאט דַאן אַיינְגֶעזֶעהן אַז נָאר דֶער הֵייליגֶער בַּאשֶׁעפֶער גִיט פַאר יֶעדְן זַיין פַּרְנָסָה.

# Recipe
## Purple Cabbage Salad

### Recipe:

1 bag purple cabbage

1 bag green cabbage

6 persian cucumbers, cut into quarters

½ container honey glazed almond slivers

### Dressing:

8 tbsp mayonnaise

2 tbsp vinegar

2 tbsp sugar

2 tbsp water



**געדענק צו בעטן דער אייבערשטער אז ס'זאל אויסקומען זייער גוט!**



# שארף דיין מח



# א שיעור פונעם ראש ישיבה שליט״א

**קוואל פון חיזוק 212-444-9169, דערנאך דריקט 2-3-3 שיעור 108**



1) ווען מען איז פרייליך קען מען_________.

2) וויאזוי ווייסט מען אז מען איז ביים אייבערשטן- ווען מען איז________.

3) וואס זאל מען טון אז מען גלייבט נישט אז עס זענען דא שדים_________.

4) וויאזוי האט די מלך פון שדים פרובירט צו דערשרעקן די הינקעדיגע_______.

5) די הייליגע רבי לערנט אונז אויס אז מען זאל נישט_______.

6) פארוואס האבן די מענטשן וואס האבן געוואלט הרג'ענען די הייליגע סאטמאר רבי זיך דערשראקן_______.

7) דוד המלך האט געזאגט: איך בין אזוי א קינד וואס________.

8) אז איר וועט אריינעמען די פאר ווערטער_________.

9) אין מדרש שטייט אז דער אייבערשטער פרואווט אויס צדיקים אסאך מער ווייל_________.

10) ווען איז גוט צו נעמען פאר א חבר'טע צו האבן א גליקליך לעבן_______.

# א בילד רעדט מער פון טויזנט ווערטער



געלויבט דעם אייבערשטן אז אין בית פיגא לערנען די מיידלעך וויכטיגע זאכן וואס וועט זיי ארויסהעלפן שפעטער אין לעבן.



רייכע נאכטמאל געקאכט און הערליך אויסגעשטעלט דורך פערעלע רייך (עלטסטע קלאס וויליאמסבורג).

# יישר כח פאר בית פיגא



לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

יישר כח פאר בית פיגא סקול, איך ווער אזוי פרייליך ווען איך קום נאכאמאל יעדן צופרי אין סקול, דא איז מיין בעסטע פלאץ.

יישר כח פאר אלע שיעורים, עס גיבט מיר אזויפיל עצות, אסאך מאל הער איך עס ביינאכט אין בעט.

איך האב געענדעגט די זעקס און אכציגבעטע מאל תהלים, יישר כח אייבערשטער. יישר כח ראש ישיבה פאר'ן מער מחזק זיין צו זאגן תהלים.

יישר כח פאר אלעס.

## ענטפער פונעם ראש ישיבה שליט"א

בעזרת ה' יתברך, יום ג' פרשת מקץ, כ"ו כסלו, ב' דחנוכה, שנת תשפ"ב לפרט קטן

די חשוב'ע תלמידה... תחי', תלמידה בית פיגא.

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך פריי זיך זייער צו הערן אז דו האסט ליב סקול, יעדן אינדערפרי ווערסטו פרייליך צו קענען קומען נאך א טאג אין סקול. א מחי' צו הערן אזא גוטע בשורה, אז דו זאגסט אזויפיל תהלים; דו האסט יעצט מסיים געווען די זעקס און אכציגסטע מאל ספר תהלים. איך ווער אזוי פרייליך ווען איך הער אז די תלמידות פון בית פיגא זאגן תהלים.

נעם די עצה פון רבי'ן, די עצה פון התבודדות, די עצה וואס משיח וועט ארייינברענגען אין די גאנצע וועלט; מען זאל רעדן צום אייבערשטן, רעדן צו אים אויף די אייגענע שפראך, אים בעטן יעדע זאך און אים דערציילן יעדע זאך עס איז גאר אן אנדערע לעבן ווען מען לעבט מיט די עצה, אלעס איז אנדערש, אלעס איז גרינגער, מען שפירט זיך ארומגענומען מיט'ן אייבערשטן.

חבר זיך מיט מיידלעך וואס רעדן איידל און פירן זיך איידל, חבר זיך מיט מיידלעך וואס האבן דרך ארץ. ביים רבי'ן איז דרך ארץ נומער 1; ביים רבי'ן איז געווען זייער א שטארקע דרך ארץ, נאר אזוי האט מען געקענט מקבל זיין.

העלף דיין מאמע; דו האסט זייער חשוב'ע עלטערן, זיי מכבד דיינע עלטערן.

